# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## פרשת ויקהל - פרה

## יוֹם שַׁבַּת קוֹדֶשׁ

### נישט לייענען קְרִיאַת שְׁמַע אין בעט

**די** מִצְוֹת עֲשֵׂה פון לייענען קְרִיאַת שְׁמַע איז מען נאר מְקַיֵּים ווען מען לייענט דאס לויט דעם אוֹפֶן וועלכע עס פארלאנגט זיך לויט דעם דִּין וואס ווערט ערקלערט אין שֻׁלְחַן עָרוּךְ, דעריבער מוּז מען לייענען אויף דעם וועג וואס איז א כָּבוֹד פאר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וועלכע עס צייגט אז מען האָט מוֹרָא פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ווי עס פאסט זיך ווען מען שטייט פאר דעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

**דערפאר** דארף מען שטארק אכטונג געבן אויף-צו-שטיין יעדן טאג, וּבִפְרָט שַׁבָּתִים און יָמִים טוֹבִים נָאךְ גענוג צייטליך כְּדֵי מען זאל נָאךְ האבן די מעגליכקייט און גענוג צייט זיך אנצוטוהן אַלֶע בְּגָדִים, ווי אויך גרייט צו מאכן דעם גוּף, און קענען מְקַבֵּל זיין דעם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם מִיט א פארכט פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מען זאל לייענען קְרִיאַת שְׁמַע בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה בְּרֶתֶת וּבְזִיעַ - מִיט א פארכט און שרעק מִיט א ציטער און שווייס, אזוי ווי עס ווערט דערמאנט אין שו"ע הִלְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע. מען זאל חָלִילָה נישט מאכן א געשפעט פון די מִצְוֹת עֲשֵׂה פון קְרִיאַת שְׁמַע און דאס לייענען ווען מען איז נאכנישט אנגעטאן געהעריג, ווען מען איז נָאךְ מִיט דעם נאכט העמד, א.ד.ג. אדער ליגענדיג אין בעט, אדער נעבן די נעגל וואסער וְדַי לַמֵּבִין.

### אויפשטיין צו קְרִיאַת שְׁמַע בִּזְרִיזוּת

**די** גְמָרָא זאגט [ברכות י"ב:] רַבִּי אֲבוּהוּ בֶּן זוּטַרְתִּי האָט נאכגעזאגט פון רַבִּי יְהוּדָה בַּר זְבִידָא: די חֲכָמִים האבן קוֹדֶם גֶעוָואלְט אז מען זאל יעדן טאג זאגן אין די פֵּרְשָׁה פון קְרִיאַת שְׁמַע אויך די פֵּרְשָׁה פון בָּלָק, נאר וויבאלד דאס איז א לאנגע פָּרָשָׁה האבן זיי דאס נישט קוֹבֵע געווען.

**פירט** אויס די גְמָרָא רַבִּי יוֹסֵי בַּר אָבִין זאגט: אז דער טַעַם איז געווען ווייל דארט שטייט דער פָּסוּק [במדבר כ"ד ט'] כָּרַע שָׁכַב כַּאֲרִי וּכְלָבִיא מִי יְקִימֶנּוּ ער וועט קניען, ער וועט ליגן מִיט א שטארקייט ווי א לֵייבּ און אזוי ווי א יונגער לֵייבּ ווער וועט אִים קענען אויפהייבן, - זאגט רַשִׁ"י אז דער פָּסוּק איז גלייך צו די פֵּרְשָׁה פון קְרִיאַת שְׁמַע, וואו עס שטייט וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ היט בֵּיים לייגן און ביים אויפשטיין, כְּדֵי מען זאל קענען שלאפן רואיג ווי דער לייב שלאפט רואיג.

**דער** מהרש"א שם זאגט אז דער רֶמֶז איז אזוי, פונקט ווי דעם לייב דארף אִים קיינער נישט אויף-וועקן אינדערפרי, נאר ער וועקט זיך אויף אליין מִיט א זְרִיזוּת, דאס זעלבע דארף יעדער אִיד האבן דעם עוֹל און אַלֵיין אויף-שְׁטֵיין אינדערפרי מִיט א זְרִיזוּת, כְּדֵי צו קענען לייענען קְרִיאַת שְׁמַע אין צייט, ער זאל חַס וְשָׁלוֹם נישט עוֹבֵר זיין דעם סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע.

**מהרש"א ברכות י"ב ח"א**

### לייענען קְרִיאַת שְׁמַע אין די ריכטיגע צייט

**דער** שֵׁבֶט מוּסַר ברענגט די צַוָּואָה פון רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הַגָּדוֹל צו זיין זוהן הוּרְקָנוֹס, ווי ער ווארנט אִים ווי פלאגנד: בְּנִי, מיין זוהן זאלסט זיין פלינק ווי א הערש, און זיי נישט פויל צו לייענען קְרִיאַת שְׁמַע אין דער ריכטיגער צייט, דאס איז, ווען די זון גייט אויף, און וואַרט נישט ביז דעם שִׁיעוּר וואס די חֲכָמִים האבן געגעבן, דאס איז ביז דְרֵיי שָׁעָה אויף

דעם טאג, ווייל די זְרִיזִים פעדערן זיך צוּ טוהן מִצְוֹת, און דער וואס לייענט קְרִיאַת שְׁמַע אין איר ריכטיגער צייט, דער גיט אָפּ כָּבוֹד צוּ זיין בַּאשֶׁעפֶער. **שבט מוסר פ' ט"ז**

## סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע

**די** גְמָרָא זאגט [שבת קי"ט:] רַב אַבָּהוּ זאגט אז יְרוּשָׁלַיִם איז חָרוּב געווארן נאר ווייל מען האָט נישט געלייענט קְרִיאַת שְׁמַע אינדערפרי און ביינאכט, זאגט דארט דער מַהַרְשָׁ"א אז דאס איז דער סֵדֶר פון די מענטשן וואס ווערן שִׁיכּוֹר ביינאכט, זיי לייענען נישט קיין קְרִיאַת שְׁמַע ביינאכט, און אויך מארגן אינדערפרי פארשלאפן זיי דעם סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע. **שבת קי"ט:**

**רַבִּי** שִׁמְעוֹן זאגט, הֱוֵי זָהִיר בִּקְרִיאַת שְׁמַע - זאלסט זיין אפגעהיטן אין לייענען קְרִיאַת שְׁמַע צייטליך, זאגט דער רַבֵּינוּ יוֹנָה אז וויבאלד דער סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע איז קוֹרֶץ, דעריבער זאגט רַבִּי שִׁמְעוֹן מִיט דעם לָשׁוֹן הֱוֵי זָהִיר ווייל מען דארף האבן א שטארקן זְהִירוּת אכטונג צוּ געבן אז מען זאל חָלִילָה נישט פארשפעטיגן דעם סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע.

**אבות פ"ב מי"ג, ורבינו יונה שם**

**שטייט** אין אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן [פי"ז ח'] אויך דער זעלבער לָשׁוֹן אז רַבִּי שִׁמְעוֹן זאגט: הֱוֵי זָהִיר בִּקְרִיאַת שְׁמַע זאלסט זיין אפגעהיטן לייענען קְרִיאַת שְׁמַע צייטליך, ברענגט דער בִּנְיַן יְהוֹשֻׁעַ [שם] אז דערפאר זאגט רַבִּי שִׁמְעוֹן דעם לָשׁוֹן הֱוֵי זָהִיר וויבאלד קְרִיאַת שְׁמַע איז קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם [וואס איז דער יְסוֹד פון אונזער אֱמוּנָה] דעריבער זאל מען גאר שטארק זיין געווארנט אין דעם.

**אויך** ברענגט ער דארט פון זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ [דברים דף קכ"ב] אז אויב לייגט מען נישט קְרִיאַת שְׁמַע אין צייט לייגט מען אין הִימֶל דעם מענטש אין חֵרֶם רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

**בנין יהושע בשם ספר מעולפת ספירים ביום ד' סי' ז', אלשי"ך פ' ויחי**

## מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקֹן

**די** גְמָרָא זאגט אז דאס וואס עס שטייט אין פָּסוּק [קהלת א' ט"ו] מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקֹן וְחֶסְרוֹן לֹא יוּכַל לְהִמָּנוֹת - א פארקרומטע וואס מען קען נישט פארעכטן - דאס איז דער וואס האָט מְבַטֵּל געווען דעם זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע פון אינדערפרי, אדער קְרִיאַת שְׁמַע פון ביינאכט. **חגיגה ט:**

**דער** בַּעַל הַתַּנְיָא אין אִגֶּרֶת הַתְּשׁוּבָה זאגט: הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וועט נישט שטראפן צוליב דעם וואס מען האָט ווידערגעשפעניגט אין דעם מַלְכוּת פון הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא און האָט נישט געטאן דאס באפעל פון הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִיט דעם וואס מען האָט עוֹבֵר געווען און פארשפעטיגט די צייט פון קְרִיאַת שְׁמַע אויב מען טוט תְּשׁוּבָה דערויף, נאר דאס וואס די גְמָרָא זאגט מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקֹן אז מען דאס נישט פארעכטן, מיינט די גְמָרָא אז דאס וואס די קְרִיאַת שְׁמַע פון היינט וואלט ווען מַשְׁפִּיעַ געווען דאס קען מען מֵער נישט פארעכטן.

**זאגט** דער בַּעַל הַתַּנְיָא: אז ווען מען איז מְקַיֵּים א מִצְוָה איז מען מַמְשִׁיךְ א ליכטיגקייט און אַן הַשְׁפָּעָה פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ'ס ליכטיגקייט אין די הִימֶל'ישע וועלטן און אויך אויף דעם אייגענעם נֶפֶשׁ, אזוי ווי עס שטייט אין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אז די רמ"ח מִצְוֹת עֲשֵׂה זענען אקעגן די צוויי הונדערט אכט און פערציג אֵבָרִים, ווי מִיר דערמאנען דאס בְּשָׁעַת מען מאכט א בְּרָכָה אויף יעדע מִצְוָה אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו - הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וועלכע האָט אונז [אונזערע אֵבָרִים] געהייליגט מִיט זיינע מִצְוֹת, דעריבער אויב פארפעלט מען נאר איינמאל צוּ לייענען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית אין צייט, אֲפִילוּ פון היינט און ווייטער וועט ער זיין געווארנט און ער וועט שוין קיינמאל מער נישט פארשפעטיגן צוּ לייענען קְרִיאַת שְׁמַע אין זיין צייט, דעסטוועגן די ליכטיגקייט פון די היינטיגע מִצְוָה וואס ער וואלט ווען געקענט באלייכטן זיין אייגענעם נֶפֶשׁ דורך די מִצְוָה פון די היינטיגע קְרִיאַת שְׁמַע דאס פעהלט פון אִים, און דאס קען מען נישט מְתַקֵּן זיין מִיט תְּשׁוּבָה, ווייל תְּשׁוּבָה העלפט נאר אז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זאל אִים נישט שטראפן אויף די עֲבֵירָה, אבער דאס ברענגט נישט צוריק קיין ליכטיגקייט, דעריבער דארף מען שטארק אכטונג געבן נישט צוּ פארשפעטיגן דעם סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע.

**ספר התניא אגרת התשובה פ"א**